# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Fun Land Tsu Land/ From Land to Land

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/6239422v

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

**Author**
Zalman Shlosser, Zalmen Shloser/

**Publication Date**
1980

**Copyright Information**
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

זלמן שלאָסער

# „פון לאַנד צו לאַנד"

„פון לאַנד צו לאַנד" איז אַ זאַמלונג פון קורצע, גוט געשריבענע דערציילונגען, וואָס שילדערן אין קורצע שטריכן, ערשטנס, דאָס יידישע לעבן אין אַמאָליקן פוילן, און, צווייטנס, דאָס שווערע לעבן פון דער יוגנט, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט און זיך באַזעצט אין קיובאַ און נאָך דעם אויך פון דאָרט געמוזט אויסוואַנדערן. די טעמע איז אפשר אַ ברייטע, אַן אַל־אַרומנעמענדיקע, נאָר דער שרייבער, אָשר שטשוטשינסקי, פאַרנעמט זיך ניט אַזוי ברייט; ער באַגרענעצט זיך בלויז צו געוויסע עפיזאָדן, וואָס גיבן דעם לייענער אַן אָנונג פון דער הפקר־דיקייט פון יידישן לעבן — ווי עס זאָגט זיך דאָרט אין דער דערציילונג „לעבן אויף הפקר" — פאַרן הרגענען אַ יידן כאַפּט מען ניט (דעם מערדער)!

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין דריי טיילן: 1) היים און שטעטל; 2) קובאַנער דערציילונגען, און 3) אַמעריקאַנער דערציילונגען. ס'איז אפשר איבעריק צו זאָגן אַז דער אָפטייל „היים און שטעטל" איז דער אינטערעסאַנטסטער שוין צוליב דעם אַליין, וואָס דאָ איז דער מחבר אויף זיכערן באָדן, פול מיט קוואַלן פון פאָלקלאָר, שטייגער און טראַדיציע; פול מיט באַקאַנטע פערסאָנאַזשן און כאַראַקטערן, וואָס בעטן זיך ממש צו באַשרייבן, הגם בעצם זיינען אָט די קוואַלן שוין לאַנג באַקאַנט און אויסגענוצט. ווידער, די אַנדערע צוויי טיילן, זייענדיק פאַרן מחבר אַליין ביי און פרעמד, לאָזן זיך ניט אַזוי לייכט ווי פון זיך אַליין אַנטפלעקן. פון דעסטוועגן זיינען יענע דערציילונגען עטוואָס לענגער און לייענען זיך אויך מיט אַ געוויסן אינטערעס.

קיובאַ איז אַ פרעמד לאַנד סיי פאַרן לייענער, סיי פאַרן שרייבער. די שפּראַך איז פרעמד, די מענטשן פרעמד, דאָך מוז מען מיט ציין און נעגל זיך דאָ ווי עס איז איינאָרדענען, מחמת ניטאָ קיין בריירה. און דער לייענער איז אויך גרייט באַכצופאָלגן דעם גאַנצן וועג מיט זיין נייגעריקייט און גרויס דערוואַרטונג — עלעהיי אַ שטיקל אַוואַנטורע אין אַן אומבאַקאַנט לאַנד! ווייל ס'איז פרעמד, איז דאָ אויך נייטיק מער קינסטלערישע מייסטערשאַפט כדי ניט צו אַנטוישן דעם לייענער. און אָשר שטשוטשינסקי אַנטוישט ניט. אויך די דערציילונגען פון אַ פרעמדער וועלט לייענען זיך מיט אינטערעס, כאָטש ס'איז אַן אָרעמע וועלט.

אַ שאָד וואָס דער מחבר האָט ניט אָנגעגעבן די צייט ווען ער האָט די דערציילונגען געשריבן. מילא, די צייט פון די לעצטע צוויי אָפטיילונגען שטויסן מיר זיך אַליין אָן. נאָר די באַשטימטע צייט פון דער ערשטער אָפטיילונג איז פון אַ ביאָגראַפישן שטאַנדפונקט זייער וויכטיק צו וויסן. ווי לאַנג האָט עס זיך געלייטערט אין זיכרון און אין צייט? מען פילט ניט קיין יאוש, קיין רעזיגנאַציע. פאַרקערט, מען פילט אַ וואַרעמע און פאָזיטיווע שטימונג וואָס דער מחבר ברענגט אַריין אפילו אין יענע דערציילונגען ווו ער שילדערט זיין היים און די שווערע צייט ווען ער פאַרלאָזט די היים, ווען טאַטע־מאַמע געזעגענען זיך מיט אים.

„וויינט ניט — בעט ער זיך ביי זיי — איך לעב דאָך. איך הייב דאָך אָן אַ ניי לעבן!".

דער גייסט וואָס באַהערשט כמעט אַלע דערציילונגען שיינט צו זיין געלייטערט אין דעם שרייבערס שפּעטערדיקע לעבנס־דערפאַרונג. דער טאָן און די רייד זיינען איינגעהאַלטענע, דורכגעטראַכטע, וואָס טראָגן דעם צייכן פון עלטער און דערפאַרונג. גלייך ביים אָנהייב, אין דער קורצער דערציילונג „צוויי ברידער" לייענען מיר אויף עטלעכע בלעטלעך אַ גאַנצע דראַמע צווישן צוויי ברידער און זייערע ווייבער, אַ דראַמע מיט אַ קאָנצענטרירטן סוזשעט און קענטיקער אינטריגע, וואָס וואָלט געקלעקט פאַר פיר אַקטן. ער פאַרוואַנדלט אַ געוויינטלעכן עפיזאָד אין אַ שטאַרק דראַמאַטישער דער־

ציילונג. ער באַוויזט דערמיט אַז ער קען באַנעמען אַ טעמע אָדער אַן עפּיזאָד און מאַכן דערפון אַ שיינע דערציילונג מיט אַ שיינעם מוסר השכל דערצו, ווי מיר געפינען דאָס אין „ליכטיקע שאָטנס". ס'איז אַ פאָלקסטימלעכע שילדערונג פון אַ בית־מדרש אין שטעטל, ווינטער אין אַ קאַלטער נאַכט. קיין הכנסת אורחים איז נאָך דאָרט ניטאָ אָבער אַן אורח מוז מען אויפנעמען און נאָך נעמען אַ היים אויף וועטשערע. — ווי זאָגט מען, אַ כזית קען מען אויך צעשפּאַלטן אויף דער העלפט. מען דאַרף נאָר וועלן! ס'איז אַ יידישע מידה, אפילו צווישן אָרעמע.

אין די „ליכטיקע שאָטנס" האָבן מיר אויך אַ בילד ווי יידישע דאָרפסגייער איילן זיך אין די קאַלטע פרימאָרגנס אָנצוקומען אין דאָרף נאָך איידער דער מאָרגנשטערן באַוויזט זיך און נאָך איידער אַנדערע פאַרלויפן דעם וועג און כאַפּן אויס די מציאות וואָס מען קאָן קויפן ביי די פּויערים — בינטלעך חזיר־האָר, פּעלכלעך פון האָזן אָדער פון בהמות... מען טאָר ניט לויפן פאַרן דאַווענען, דאַוונט מען אין וועג... ליכטיקע שאָטנס אין דער נאַכט.

עטוואָס אומקלאָר, שיינט מיר, איז די דערציילונג „פאַרשידענע ציילטן". ר' יצחק האָט אַ פאַבריק פון חזיר־האָר און באַרשטן. ער האָט אויך עפּעס אַ ווידערגעפיל צו לייצעס. ס'איז דאָס יאָר 1905. מען הערט קלאַנגען פון שטרייקן. עטלעכע יידישע אַרבעטער זיינע באַוויזן זיך מיט אַ האַק און סטראַשען אים: „מיר וועלן אַ סוף מאַכן צו דער אונטערדריקונג. מיר וועלן אַראָפּזעצן דעם צאַר." דער שאַרף פון דער האַק איז אים לאַנג געשטאַנען פאַר די אויגן: „זיי זיינען גערעכט. אָבער ביי מיר וועט מען שוין קיין חזיר־האָר ניט באַרשטן. זאָלן זיי זיך זוכן אימעצן אַנדערש אויף וועמען צו הייבן אַ האַק."

לויט די אָנגעגעבענע איינצלהייטן דאַרף דאָס זיין אַ פּסיכאָלאָגישע כאַראַקטער שילדערונג. ר' יצחק האָט פיינט פּראָסטאַקעס. ער איז אויך געבליבן אַ שטאַרק צעטראָגענער פון דער האַק, וואָס לאָזט אים מער ניט רוען. דער מחבר לאָזט דאָס דורך אַזוי ווי אומבאַמערקט און די דערציילונג קומט דעריבער ניט אַרויס גאַנץ.

די דערציילונג איז צו צעשוווּמען פאַר פּסיכאָלאָגישער שילדערונג.

די אַמאָליקע היים און שטעטל מיט איר אָרעמקייט און נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט וועט מסתמא נאָך לאַנג, לאַנג אָנהאַלטן איר צויבער פאַר יידן וואָס זוכן און בענקען נאָך די אַלטע פאָרמען פון שטייגער און טראַדיציעס. דאַכט זיך אַז יידישע שרייבערס האָבן שוין לאַנג אויסגעשעפּט אַלע פאַראַנענע און אויסגעטראַכטע קוואַלן פון יידישער אייגנאַרטיקייט און שעפערישקייט פון שטעטל. דאָך באַוויזן זיך נאָך געציילטע שרייבערס מיט נייע פאַרמעסטן צו שילדערן זייערע חלומות און בענקשאַפטן פון דעם „אַמאָל איז געווען."

---

## יעקב שייפער (סוף פון זייט 58)

האָבן אים אַרויפגעלייגט אויף אַ וועגעלע.

שפּעט ביינאַכט האָבן אונדז די דייטשן אַריינגעפירט אין אַ פאַרלאָזענעם לאַגער, אַריינגעטריבן אין די באַראַקן און אַליין אַנטלאָפן. מיר האָבן זיך פלוצלינג געפונען אין קיינעמס לאַנד. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך ביידע אַרמייען איבערגעשאָסן איבער אונדזערע קעפּ. אַ פּאָר קוילן האָבן געטראָפן לעבן אונדזער באַראַק און אַרויסגעריסן טירן און פענצטער. מאָטקע איז געלעגן אויף אַ נאַרע מיט פאַרמאַכטע אויגן און זער שוואַך געאָטעמט. באַגינען האָט ער פלוצים געעפנט די אויגן, זיך אַרומגעקוקט מיט אַ קלאָרן בליק, אַביסל אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַרויסגעמורמלט: „מאָטקע דער געלער האָט ניט דערלעבט די באַפרייונג"... זיין קאָפּ איז צוריקגעפאַלן, ער האָט פאַרשלאָסן די אויגן און אויסגעגאַנגען.

* * * * *

אין אַ שעה אַרום איז אַריין אין לאַגער דער ערשטער אַמעריקאַנער טאַנק. מיר זיינען פריי...